# Digitales Brandenburg

## hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


# Rebe Meʾir Bal ha-Nes

**Mezaḥ, Yehoshuʻa**

**Ṿilna, 662 [1901 oder 1902]**

.I

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12911

Visual Library

קאן פון דאנען נים אוועק גיין, ווייל איך האב מיין ברודער געגעבען בעהאלטען מיינע געלד, אונ איך ערווארטע איהם, ער מוז דיא נאכט אהער קומען, פון דאנען וועלען מיר ביידע צוזאמען גיין ווייטער, ער וייס דעם גאנצען געגענד ארום אונ ארום ווערסט דוא נים ברויכען זיך בעמיהען אונז צו צייגען דיא וועג, מיר וואונדערט נור איין זאך ווארום איז ער נאך ניטא, ער האט שוין געדארפט זיין, נור איך רעכען ער האט זיך אין בית המדרש פארשלאפען, אויף יעדען פאל מוז איך דאווארטען, א דיא שטונדען וועט ער קומען.

— אין וועלכען בית המדרש האסט דוא איהם איבער געלאזען — האט דער קרעטשמער געפרעגט —.

— איך האב מיין ברודער איבער געלאזען אין בית המדרש וואס איז געבויט אויף יענע זייט שטאדט. וואו רבי עקיבא לערינט דארט מיט זיינע תלמידים, ווייל מיין ברודער האט דאקטען געמוסט אביסעל ווארטען, ער האט געברויכט בעקומען געלד פון רבי עקיבעס א תלמיד, נור דיא נאכט נים שפעטער מוז ער אהער קומען נים אנדערש, מיר מוזען פאהרען דא נים ווייט אפ קויפען דעם וואלד, ער ווייסט ווען ער וועט דיא נאכט נים קומען וועט דאס אנאנדערער אבקויפען, וועלען מיר מוזען פאר ליהרען אונזערע מאגד געלט וואס מיר האבען געגעבען.

## ו.

דער קרעטשמער האט געוואוסט דאס דער הער וואס צוזא איהם ניהערט דיא קרעטשמע אונ דער וואלד פארקויפט ער דעם וואלד. דער פאר האט ער געגלויבט וואס רבי מאיר האט איהם ערציילט, אונ ער האט ביי זיך געטראכט. יעטצט וועל איך פאנגען אגרויסען מהייערען פיש... אקליינגקייט, זיא ווילען (ר"ם בעל הנס)

קויפען אזוי'אקד , געווים טראגען ווייא ביא זיך אגרויסע סומע געלד , דארום האט ער געזאגט צו רבי מאיר'ן — דוא האסט געכט דוא ועסט דא אין קרעטשמע בלייבען געבעטינגען בין דיין ברודער וועט קומען צו דיר , נור זאג מיר וויא רופט מען דיין ברודער ? איך וויל וויסען זיין נאמען , ווייל איך גייא יעטצט אין שטאדט . איך ברויך דארטען האבען זייער איין וויכטיגען געשעפט , פיליכט וועל איך צופעליג איהם טרעפען אויף דעם וועג , וועל איך איהם איבער געבען פון דיר אפריינדליכען גרוס , זאל ער זיך פרייען , פערגעניגען האבען , און דו קאנסט מיר גלויבען דאס איך האב גרויס פערגעניגען ווען איך קאן מענשען ערפרייען מיט גוטע נייעס .

רבי מאיר האט געזעהען דאס דער קרעטשמער רעדט פאלש , ער האלט זיינע ליפען האלב פארביסען און די בעטרוג ליגט איהם אויף זיין פנים ... , האט רבי מאיר זיך געמאכט ניט פארשטייענדיג און ער האט איהם געענטפערט : אגרויסען דאנק דיר מיין ליבער גוטער הער , איך זעה פון דיין געזיכט און הער פון דיינע רייד דאס דוא בינסט אגוטער און אגעפאלינער הערר , דוא ווילסט פרעמדע מענשען מאכען טובות , דער פאר פרייא איך מיך זייער וואס איך בין מיט דיר בעקאנט געווארען , אונזער בעקאנטשאפט וועט דיר פיל נוטצען ברייגגען , איך מיט מיין ברודער וועלען קויפען דעם וואלד וועסט דוא ביא דעם געשעפט פארדינען , און איך וועל דיר דאנקבאר זיין פאר דיינע פריינדליכקייט צו מיר , יעטצט גייסט דוא אין שטאדט , מעגליך דוא וועסט מיין ברודער באגעגענען אויף דעם וועג , ער טראגט ביא זיך אגרויסע סומע געלד , און מעגליך ער איז נאך אין בית המדרש , אויב דוא טרעפסט איהם , זאלסט דוא איהם פריינדליך גריסען , זאג איהם דאס איך ווארט דא אין קרעטשמע אויף , און ער זאל וואס שנעלער קומען , זיין נאמען איז „כי טוב" : . .

(ר"מ בעל הנס)

דער קרעטשמער האט ניט פארשטאנען דאס רבי מאיר פאר שטייט איהם, ער האט בייא זיך געטראכט; איך מוז זיין וואס שנעלער איהם אנטגעגען, פיליכט טרעף איך איהם, וועל איך מאכען מיט איהם אסוף אויף דעם וועג, ער וועט ניט דערלעבען צו זעהן זיין ברודער, אונ באמת איז דאך פיל גרינגער דיא צוויי טויטען איינציגנווייז, וויא ביידע אויף איין מאל צו נאמען:

ז.

דער קרעטשמער האט פיל צייט ניט פארלארען, ער האט זיך אנגעצויגען זיינע בייזע קליידער, אונטערין מאנטעל האט ער בעהאלטען אגרויסע שארפע האק, רבי מאיר האט דאס געזעהען האט ער זיך אביסעל ערשראקען; דער קרעטשמער האט געזאגט צו איהם; דוא וואונדערשט זיך געוויס פאר וואס איך נעהם מיט זיך אהאק, דארפסט דוא וויסען דאס אלע וועגען זיינען ניט זיכער, דער ביינזענדער שטייט אין געפאהר. ער קאן טרעפען אביינזען הונד, צהונגעריגען וואלף, אדער אמענשען וואס איז נאך ערגער וויא אווילדע חיה, דארף דער ביינזענדער זיין פארזיכטיג, ער מוז האבען בייא זיך געווער, ער זאל זיך קענען אין אצופאל אשלעכטען, זיך רעטטען, א. שוין ניט איין מאל האב איך מיך מיין לעבען געראטעוועט פון טויט דורך דיא האק, פיל מאל האט געטראפען דאס איין וואלף איז געקומען מיר אנטגעגען, ער איז געוועזען זייער הונגעריג, ער וואלט מיר געוויס צו ריסען, וויא ער איז געקומען נאהענט פון מיר, האב איך איהם מיט איין קלאפ אויף זיין קאפף מיט דיא האק טויט געשלאגען.

— וואויל איז דעם מענשען וואס ער איז פארזיכטיג.

— האט רבי מאיר געענטפערט — נור דער מענש וואס לערינט תורה אונ ער איז פרום. ער איז מקיים וואס ער לערינט,

יענעס

(ר״מ בעל חנס)